עס איז געווען איינער, וואָס מען האָט אים גערופֿן
בר־אַבָּא, געבונדן צוזאַמען מיט די אויפֿשטענדער,
וועלכע האָבן אָפּגעטון אַ רציחה בשעת אַן אויפֿשטאַנד.
8 און דער המון איז אַרויפֿגעגאַנגען און האָט אָנגעהויבן
צו פֿאַרלאַנגען, אַז ער זאָל טון, ווי געוויינלעך
9 פֿאַר זיי. און פּילאַטוס האָט זיי געענטפֿערט, אַזוי
צו זאָגן: ווילט איר, אַז איך זאָל אייך באַפֿרייען
10 דעם קעניג פֿון די יידן? וואָרום ער האָט געוואוסט,
אַז די הויפּט־כּהנים האָבן אים איבערגעגעבן מחמת
11 קנאה. די הויפּט־כּהנים אָבער האָבן אונטערגעהעצט
דעם המון, אַז ער זאָל זיי ליבער באַפֿרייען בר־
12 אַבָּאַן. און פּילאַטוס האָט ווידער ענטפֿערנדיק
צו זיי געזאָגט: וואָס זשע זאָל איך טון מיט
13 אים, וועמען איר רופֿט קעניג פֿון די יידן? און
זיי האָבן נאָכאַמאָל אַ געשריי געטון: קרייציק
14 אים! און פּילאַטוס האָט צו זיי געזאָגט: וואָס
פֿאַר אַ שלעכטס האָט ער דען געטון? זיי אָבער
15 האָבן נאָך מער געשריגן: קרייציק אים! און
ווייל פּילאַטוס האָט געוואָלט טון די געפֿעליקייט
דעם המון, האָט ער פֿאַר זיי באַפֿרייט בר־אַבָּאַן,
און האָט איבערגעגעבן ישוען, נאָך דעם ווי ער
האָט אים געלאָזט שמייסן, געקרייציקט צו ווערן.
(ישעיהו נג, ה׳)

16 און די זעלנער האָבן אים אַוועקגעפֿירט אינעווייניק
אין הויף אַריין, דאָס איז דאָס פּרעטאָריום; און
17 רופֿן צונויף די גאַנצע ראָטע. און זיי קליידן אים
אָן אין פּורפּור, און טון אים אָן אַ קרוין, וואָס
18 זיי האָבן געפֿלאָכטן פֿון דערנער; און האָבן אָנגעהויבן
אים צו באַגריסן: שלום, קעניג פֿון די יידן!
19 און זיי האָבן אים געשלאָגן מיט אַ שטעקן איבערן
קאָפּ, און געשפּיגן אויף אים, און האָבן געבויגן